**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/4/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארמערטע סאָבוועי סערוויס

*צווייטע שטאפל פון סאָבוועי סערוויס פארבעסערונגען ארייַנגערעכנט אין סטעיט בודזשעט הויבט זיך אן מאנטאג, פארמערנדיג אפטקייט פון C ליין אין וואכן טעג*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט בעפארשטייענדע MTA סאָבוועי סערוויס פארבעסערונגען אנגעהויבן פון מאנטאג, אוגוסט 7. די צווייטע שטאפל פון די סערוויס פארמערונגען וואס זענען [אנאנסירט געווארן בעפאר](#) אויף די C ליין וועלן פארמערן די אפטקייט פון באנען אינמיטן טאג, אנקומענדיג יעדע אכט מינוט אנשטאט יעדע 10 מינוט. בערך 800,000 פאסאנזשירן זענען ערווארטעט צו בענעפיטירן יעדע וואכן טאג פון די סערוויס פארבעסערונגען אינדרויסן פון די פארנומענסטע שעה'ן וועלכע זענען ערמעגליכט געווארן דורך פארמערטע פינאנצירונג אין די ניו יארק סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024.

"מיט אפטערע סאָבוועי דינסט, קענען ניו יארקער פילן זיכער אז עס איז נישטא קיין בעסערע וועג צו אנקומען וואו זיי דארפן פון די MTA, אפילו נישט אין די פארנומענע שעה'ן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "א דאנק פינאנצירונג פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 האבן מיר געקענט זיך אפרופן צו די פאסאנזשירן'ס באדערפענישן און האלטן די סיטי זיך רוקן — העכער און אונטער די ערד."

**MTA פארזיצער און CEO, דזשענאָ ליעבער, האט געזאגט,** "א ריזיגע דאנק פאר גאווערנער האקול און פאר די סטעיט לעגיסלאטור פארן דערהערן די רוף פאר פארמערטע סאָבוועי סערוויס צו נאכקומען די באדערפענישן פון די פאסאנזשירן נאך די פאנדעמיע. נישט יעדער איינער פארט אין די 'ראָש אַווערס', און אפטערע סאָבוועי סערוויס דורכאויס די טאג – און ביינאכט – וועט בעסער פארבינדן ניו יארקער מיט בראדוועי, מיט חינוך/בילדונג, מיט אלע סארטן פארוויילונגען און צו אלעס וואס די סיטי האט צו אפפערן. מיט די פינאנצירונג פון די סטעיט בודזשעט, קען די MTA ברענגען קרוב צו א מיליאן פאסאנזשירן וואו זיי דארפן גיין אויף א שנעלערן אופן."

**ניו יארק סיטי טראנזיט פרעזידענט, ריטשארד דעיווי, האט געזאגט,** "פארמערן סערוויס איז איינס פון די הויפט פריאריטעטן פאר אונזערע פאסאנזשירן, און די סערוויס פארבעסערונגען פאר וואכן טעג ווייזן אויף אז מיר דערהערן די זארגן פון די פאסאנזשירן. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און די סטעיט לעגיסלאטור פארן אנערקענען די וויכטיגקייט פון פארבעסערן סאָבוועי סערוויס צו צוציהען נאך אפילו מער פאסאנזשירן צוריק צו די סיסטעם."

**ניו יארק סיטי טראנזיט סיניאר וויצע פרעזידענט פון סאָבוועיס, דימיטיריוס קריטשלאו, האט געזאגט,** "די ציהל פון די סערוויס פארבעסערונגען איז צו פארמערן סערוויס אין די שעה'ן דורכאויס וועלכע די צאל פאסאנזשירן איז צוריקגעוואקסן שנעלער פון אין די טראדיציאנאלע 'ראָש אַווערס'. מיר

וועלן פארזעצן צו נאכפאלגן די נייגונגען צו זיכער מאכן אז מיר שטעלן צו די בעסטע סערוויס וואס איז נאר מעגליך פאר אונזערע פאסאנזשירן."

די פלאנירטע סאָבוועי סערוויס פארבעסערונגען קאנצענטרירן זיך אויף די וויניגער-פארנומענע שעה'ן דורכאויס וועלכע די צאלן פון סאָבוועי פאסאנזשירן זענען די שנעלסטע צוריקגעוואקסן פון וואו עס האט געהאלטן פאר די פאנדעמיע. די צאל סאָבוועי פאסאנזשירן זעצט פאר צו צוריק וואקסן, מיט באצאלטע רייזעס אויף א וואכן טאג זייענדיג יעצט ארום 65% ביז 70% פון וואו עס האט געהאלטן פאר קאוויד. די לעצטיגע נייגונגען ווייזן 3.5 מיליאן פאסאנזשירן אויף א דורכשניטליכע וואכן טאג אין יולי.

ניו יארק סיטי טראנזיט האט געקוקט אויף די פונקטליכע שעה'ן ווען דאס צולייגן נאך סערוויס וועט האבן די גרעסטע בענעפיט, זיך קאנצענטרירנדיג זיך הויפזעכליך אויף רוּטס וואס האבן באנען יעדע 10 ביז 12 מינוט דורכאויס די וויניגער-פארנומענע שעה'ן. פלאנירטע ארבעט האט אריינגענומען אין באטראכט ווען די פארבעסערונגען זענען פלאנירט צו פארזיכערן די קריטישע מצב פון גוטע פארריכטונג ארבעט און אינפראסטרוקטור ארבעט וועט נישט אפעקטירט ווערן.

די ערשטע שטאפל פון די סערוויס פארמערונגען אין וואכן טעג אויף די **G, J און M** ליניעס – פארמערנדיג אפטקייט אויף די דריי ליניעס מיט באנען אנקומענדיג יעדע 8 ביז 10 מינוט אנשטאט יעדע 10 ביז 12 מינוט – האט זיך אנגעהויבן זונטאג, יולי 2.

**סטעיט סענאטאר ברעד האָילמאן-סיגעל האט געזאגט,** "ניו יארקער האבן פארלאנגט אפטערע סאָבוועי סטעיט סערוויס, און היינט ברענגען מיר תוצאות. די בירגער אין מיין דיסטריקט גייען געניסן פון 20% אפטערע סערוויס אין מיטן פון די טאג אויף די C באן א דאנק נייע אינוועסטירונגען וואס איך בין שטאלץ געווען צו שטיצן אין די סטעיט בודזשעט. איך באדאנק גאווערנער האקול און MTA פארזיצער ליעבער פארן שנעלערהייט איינפירן די סערוויס פארבעסערונגען, און סענאט מאיאריטעט פירערין סטוּארט-קאזינס און דעפּיוטי מאיאריטעט פירער דזשיאנאריס — פארן קעמפן צו פארזיכערן די פינאנצירונג פאר די פארבעסערונגען אין די בודזשעט. מיט אפטערע סערוויס, בין איך זיכער אז מיר וועלן זעהן א העכערע צאל פאסאנזשירן און מער צופרידענע פאסאנזשירן מיט די MTA, און איך קוק ארויס צו פאראויס שטופן סערוויס פארבעסערונגען אין מיין דיסטריקט אין די נאענטע צוקונפט."

**סטעיט סענאטאר ענדרוּ גוּנאַרדעס האט געזאגט,** "די פארמערונג אין סערוויס וואס איז היינט אנאנסירט געווארן וועט מאכן א באדייטנדע חילוק אין די לעבנס פון קרוב צו 1 מיליאן ניו יארקער — ווייל ניו יארק איז נישט א שטאט וואס שטעלט זיך אפ ווען עס איז נישט 'ראָש אַוועך'. דאס איז די סיבה פארוואך היי יאר אין די בודזשעט האבן איך אין מיינע קאלעגן אין אלבאני געקעמפט שווער צוזאמען מיט טראנספארטאציע שתדלנים צו פארזיכערן אן אינוועסטירונג ווי די וואס איז היינט געמאכט געווארן פאר סערוויס אין וויניגער-פארנומענע שעה'ן."

**אסעמבלי מיטגליד דעניעל אָודאַנעל האט געזאגט,** "ניו יארקער פארלאזן זיך אויף א פארלעסליכע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם זיי צו ברענגען וואו זיי דארפן גיין, און דאס איז א וויכטיגע טריט אין די ריכטונג. מיר מאכן זיכער אז מיר שטעלן צו פאר ניו יארקער אפטערע סערוויס ווען זיי דארפן דאס די מערסטע."

**אסעמבלי מיטגלידערין דזשאָו ען סימאָן האט געזאגט,** "סאָבוועי פאסאנזשירן וועלכע פארן אין וויניגער-פארנומענע שעה'ן באקומען די מערסטע נישט-אפטע און נישט פארלעסליכע סערוויס. די פארמערטע אפטקייט פון די **C** ליניע אין וויניגער-פארנומענע שעה'ן וועט מאכן אונזער סאָבוועי פאר א בעסערע אפציע, ברענגנדיג פאסאנזשירן צו זייערע דזשאבס און דעסטינאציעס מער ווירקזאמערהייט. עס וועט אויך רעדוצירן איבערגעפולטע סאָבוועיס אין די פארנומענע שעה'ן און צוציהען מער פאסאנזשירן

וועלכע פארמיידן די וויניגער-פארנומענע שעה'ן. א דאנק פאר די MTA פארן לייגן די גאר-נויטיגע פארבעסערונג אלץ פריאריטעט."

**ברוקלין בארא פרעזידענט ענטאָוניאָו רינאָוזאָו האט געזאגט,** "פארמערטע סערוויס אויף די C ליניע וועט העלפן ברוקלינער און ניו יארקער צוגלייך צו אנקומען פון און צו זייערע דעסטינאציעס גרינגערהייט און שנעלערהייט. א דאנק פאר גאווערנער האקול, פאר די סטעיט לעגיסלאטור און פאר די MTA פארן אנערקענען די וויכטיגקייט פון די C ליניע און פארן איינפירן די באגייסטערנדע און איינפלוסרייכע ענדערונגען דעם אויגוסט — זיי וועלן זיין באדייטפול פאר ניו יארקער."

**קאנוסיל מיטגליד לינקאלן רעסטלער האט געזאגט,** "אין ניו יארק איז יעדע מינוט קריטיש, און די צייט ווי לאנג פאסאנזשירן דארפןווארטן פאר די **C** ליניע איז אפט ווייטאגליך לאנג. איך בין אזוי פרייליך אז ניו יארקער וועלן בקרוב בענעפיטירן פון אפטערע C ליניע סערוויס. איך אפלאדיר דאס אז די MTA לייגט אלץ פריאריטעט צו צושטעלן מער אפטע און פארלעסליכע סערוויס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן